בס"ד

# טיב הקהילה באידיש

דער בלעטל אויף 'אידיש'

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## פר' בראשית
כ"ז תשרי תשפ"ב

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:25 |
| מוצש"ק | 6:37 |
| ר"ת | 7:17 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:50 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:33 | סוז"ת ב' | 10:30 |

הזמנים לפי שעון קיץ

גליון מס':
א

## טיב המערכת

### ויבדל בין האור ובין החושך

יעדער קעניג פרעזידענט אדער מיניסטער דארף האבן ראטגעבער, וואס א גרויסער טייל פון זייער ראלע איז, צו העלפן פונאנדערשיידן צווישן א פיינט און א פריינט, צווישן גוט און שלעכט. איבערהויפט ווען זיי שטייען ביים אנהייב פון זייער אויפגאבע, וואס דעמאלטס דארפן זיי נאכמער אכטונג געבן, כדי צו קענען אויפשטעלן זייער מלוכה אויפן בעסטן וועג, אן צו ווערן געשטערט דורך שלעכטע קרעפטן.

אויפן פסוק "ויבדל אלקים בין האור ובין החושך", ערקלערט רש"י הק', אז דער אור און די חושך זענען געווען צומישט, און דער אויבערשטער האט צוטיילט צווישן זיי, און דערמיט האט דער אויבערשטער אריינגעלייגט אין די בריאה דעם כח אפצוטיילן צווישן ליכטיגקייט און טונקלקייט, צווישן גוט און שלעכט. אזוי איז עס בכללות, און אזוי איז עס אויך בפרטות, און אויף אונז ליגט דער פליכט זיך צו באניצן מיט אט דעם כח כדי צו צווישנשיידן צווישן דעם טוב און דעם רע, סיי לגבי אונז אליין, און נאכמער לגבי אונזערע קינדער, אנבאלאנגט זייער ערציאונג, מיטן אויסקלויבן פאסיגע בתי חינוך פאר זיי, און אויך די געזעלשאפט און דעם געגנט וואו זיי וועלן ערצויגן און נתחנך ווערן א.ד.ג. אויף יעדן טריט און שריט דארף מען נאכקוקן בשבע עינים צי איז דער ארט טאקע פאסיג פאר אונזערע קינדער, זענען די מענטשן אין די סביבה צוגעפאסט, און

<<< | המשך בעמוד ב' |

## טיב הפרשה

# טוב לחסות בד'

**בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ. והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום ורוח אלוקים מרחפת על פני המים.**

עס איז באוואוסט מפי ספרים וסופרים, אז יעדער מענטש ווערט אנגערופן אן "עולם קטן", א קליינע וועלט. דעריבער, ווען מיר לערנען אין די היינטיגע פרשה דעם סדר בריאת שמים וארץ, וואס דאס איז דער גרויסער וועלט, דארפן מי רזיך מתבונן זיין אינעם אופן הבריאה, וואס מען קען לערנען דערפון א מוסר-השכל פאר אונז אליין אויפן בריאת האדם וואס ער איז דער קליינע וועלט.

מיר זעען ביי דאס באשאפן הימל און ערד, אז אין אנהייב איז אלעס געווען תוהו ובוהו, פוסט און וויסט, "וחושך על פני תהום", און דער זעלבער זאך פאסירט אויך ביים מענטש. דעריבער זאל מען נישט זיין געפאלן ביי זיך ווען מען זעט אז מען געפינט זיך אין א מבול פון תוהו ובוה, ווען דאס פינסטערניש שפירט זיך אין יעדן ווינקל, און דער מענטש פילט אז נאך אביסל וועט ער דערטרינקען ווערן אין א מבול פון טרויער און ענגשאפט, וויבאלד דאס איז דער סדר פונעם וועלט-באשאף אז אין אנהייב פון די בריאה איז די גאנצע וועלט תוהו ובוה, דעריבער איז נישטא קיין שום סיבה אריינצופאלן אין יאוש חלילה, נאר מען זאל אריינטראכטן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און דעריבער זאגט דער פסוק: "ורוח אלוקים מרחפת על פני המים", דאס מיינט אז אפילו ווען מען פילט זיך אזוי צוקלאפט, פאסירט נישט קיין שום זאך פון זיך אליין, נאר די גאנצע בריאה געפינט זיך אונטערן פונקטליכן השגחה פונעם גרויסן באשעפער וואס ער איז דער מלך מלכי המלכים.

דאס מיינט, אז עס ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם, איינציווארצלען ביי זיך אין הארץ די ריינע אמונה אינעם אויבערשטן, און וויסן און געדענקען אז יש מנהיג לבירה, און קיין שום זאך געשעט נישט פון זיך אליין, און אפילו אינעם גרויסן און שרעקליכן הסתר, טוט נאך אלץ דער אויבערשטער זיך אומקוקן אויף יעדן איינעם און אויף אלעס, און עס איז נישטא דא קיין שום תוהו ובוהו און נישט קיין טונקלקייט.

און ווען דער מענטש וועט זוכה זיין דאס געהעריג צו אנערקענען, וועט זיין "ויאמר אלוקים יהי אור", און אלעס וועט ווערן מסודר אויפן בעסטן אופן, וויבאלד דער מענטש האט שוין אנטפלעקט דעם אור האמונה, און האט אנגעהויבן צו לעבן ווי אן אמת'ער איד וואס גלייבט בתמימות אינעם הנהגה פונעם אויבערשטן, און ער ווייסט און גלייבט אז דער אויבערשטער איז מחיה די גאנצע בריאה יעדן איינציגן רגע, און דעמאלטס וועט ער אויך זוכה זיין נאך אויף דער וועלט צו געניסן פון אלעס גוטס אין די בריאה, און ער וועט זיך מער נישט געפינען אינעם געדאכטן פינסטערניש.

נאך א וואונדערליכן ענין געפינען מיר דא, ביי דאס בריאה פון די פרוי, וואס עס שטייט אין די תורה: "ויפל ד' אלוקים תרדמה על האדם ויישן ויקח אחת מצלעותיו וגו', ויבן ד' אלוקים את הצלע אשר לקח מן האדם לאשה ויביאה אל האדם". דאס איז מרמז ווי פאלגנד: דער סדר אין דער וועלט איז, אז ווען א מענטש קומט אן צו דער עלטער ווען ער דארף חתונה האבן, לאזט ער זיך אריין אין א גאנצע רייזע פון פארשונגען, חקירות ודרישות, טראכטן מיט זיין תמימות אז ער ווייסט פונקט וואס ער וויל און וואס ער דארף, אויך פילט ער זיך גענוג זיכער אז עס וועט אים געלונגען צו דערגרייכן פונקט דאס וואס ער האט זיך אויסגעשטעלט.

למעשה אבער, ווען עס קומט למעשה, איז דאס איבערהויפט נישט אזוי פשוט, ווייל ווען דער מענטש וועט זיך פארזיכערן אויף זיך אליין און אויף זיינע פעולות, איז דער מצב גארנישט אזוי גוט, און צומאל אפילו ערגער.

דאס ווייזט אונז די תורה אין די פרשה, זאגנדיג פארן מענטש אז ווען ער דארף פאסטן א באשלוס אין אזעלכע וויכטיגע שטאפלען פון זיין לעבן, זאל ער מוחל זיין און כאפן א קורצן דרימל, לאזנדיג פארן אויבערשטן דעם אויסוואל און דאס הנהגה, און דער מענטש זאל זיין פארזיכערט ביי זיך אין

<<< | המשך בעמוד ב' |

ניתן לשמוע את שיחותיו של מורנו ורבנו שליט"א
- במספר מיוחד וישיר
באידיש: 073-2951321 בלשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

עדכוני
קבלת קהל
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>> | טיב המערכת | המשך מעמוד א' |

אזוי ווייטער כהנה וכהנה.

איבער דעם ענין איז באוואוסט דאס וואס איינער פון די צדיקים האט געזאגט: א מענטש דארף נישט דווקא מתפלל זיין אז זיינע קינדער זאלן זיין צדיקים, נאר ער דארף מתפלל זיין אז זיינע קינדער זאלן האבן חברים וואס זענען צדיקים, און דעמאלטס וועלן שוין זיינע קינדער פון זיך אליין זיין צדיקים, אזוי ווי דער וועלט זאגט: זאג מיר ווער זענען דיינע חברים, וועל איך דיר זאגן ווער דו ביסט... און אזוי שרייבט אויך דער רמב"ם: דער שטייגער וויאזוי דער מענטש איז באשאפן געווארן איז, אז ער ווערט געצויגן מיט זיינע דעות און מיט זיינע מעשים נאך זיינע פריינט, ער פירט זיך לויטן פירונג פון די מענטשן פון זיין לאנד, דעריבער דארף מען זיך באהעפטן צו די צדיקים און זיצן אינעם געזעלשאפט פון די חכמים, כדי מען זאל זיך לערנען פון זייערע מעשים. און דער רמב"ם איז דארט זייער מאריך אינעם ענין אז מען זאל ענדערש גיין וואוינען אין היילן און אין וויסע ערטער! אבי נישט צו וואוינען צווישן די רשעים.

דאס איז דער ענין פון אפטיילן צווישן דעם ליכטיגקייט און דעם טונקלקייט, אז דער מענטש זאל וויסן צו אונטערשיידן צווישן זיי אויף אן אופן אז זיי זאלן נישט ווערן צומישט, ווייל צומאל ווערט דער מענטש אזוי צוטומלט אז ער קען נישט אפטיילן צווישן זיי, אויף אזוי ווייט אז ער קען טראכטן אויף דאס גוטס אז עס איז שלעכט און אויף דאס שלעכטס אז עס איז גוט, דעריבער דארף מען גוט קלארשטעלן און איבערהויפט ווען מען הייבט אן שפאנען אין וועג, און אוועקשטעלן קלארע גרעניצן, כדי ער זאל וויסן וויאזוי צו מאכן דעם אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס, און דאס "אור וחושך" זאלן נישט זיין אויסגעמישט.

(עפ"י טיב התורה-בראשית)

>>> | טיב הפרשה | המשך מעמוד א' |

הארץ אז דער אויבערשטער וועט שוין פירן דער זאך אויפן בעסטן אופן, אזוי ווי מיר געפינען דא ביי אדם הראשון אז דער אויבערשטער האט ארויפגעווארפן אויף אים א דרימל און ער איז איינגעשלאפן, און ווי נאר ער איז אויפגעשטאנען פון זיין שלאף, האט ער שוין געפינען זיין זיווג גרייט פאר אים. און דאס איז געזאגט געווארן נישט נאר בעניני שידוכים, נאר ללמד על הכלל כולו יצא.

ווייל אויפן זעלבן שטייגער דארף זיין דעם גאנצן שטייגער פונעם לעבן פון דער מענטש, און כאטש עס ליגט א חיוב אויפן מענטש צו אנפילן זיין חיוב ההשתדלות, פונדעסטוועגן מוז מען זייער אכטונג געבן אז דאס טון השתדלות זאל נישט זיין מיט א געפיל פון "איך", אז ער איז דער וואס טוט און ער דער וואס מאכט דעם אויסוואל, ער איז דער מחליט און ער איז דער וואס באשליסט, ניין און ניין! נאר דער מענטש זאל שפירן ביי זיך אזוי ווי ער שלאפט רואיג, און ער לאזט איבער די גורל'דיגע החלטות פאר זיין טאטן וועלכער ווייסט אסאך בעסער פון אים וואס צו דערנענטערן און וואס עס לוינט זיך צו דערווייטערן, און דעמאלטס וועט ער רואיג און זארגלאז פירן זיין לעבן אן צו שפירן אפילו פאר א רגע אז ער האט עפעס געטון אליין.

דאס איז מרומז אין א פסוק אין איוב (ג' י"ג): "ישנתי אז ינוח לי", דאס מיינט אז דער מענטש זאל לעבן אויף דער וועלט אזוי ווי איינער וואס שלאפט אין זיין בעט, און דער אויבערשטער קלויבט אויס פאר אים דאס בעסטע ביי יעדן ענין.

אזוי ווערט אויך דערציילט אויפן בריסקער רב הגרי"ז זצוק"ל, וועלכער איז אנטלאפן ביי די מלחמה-יארן צוזאמען מיט זיין משפחה, פון איין ארט צום אנדערן, און די גאנצע צייט האט מען געזען אויף אים אז ער געפינט זיך אין א שטארקע דרוק, טראכטנדיג א גאנצע צייט ביי זיך וועלכע וועג איז בעסער צו אנטלויפן, און וואו איז בעסער און זיכערער זיך דארט אויפצוהאלטן צוליב דעם שרעק פונעם פיינט. געוועט איז דארט איינער וועלכער האט זיך געוואגט צו פרעגן דעם בריסקער רב, פארוואס געפינט ער זיך אין אזא גרויסן דרוק מער ווי אלע אנדערע וואס האבן זיך דארט געפינען, אינדערצייט וואס אלע אנדערע זענען פונקט אינעם זעלבן מצב סכנה, האט דאס דען נישט קיין שיעור?!

האט אים דער בריסקער רב געענטפערט: מיין טייערער פריינט! דאס וואס דו מיינסט אז איך האב מורא צוליב דעם גרויסן געפאר, אז עס זאל מיר נישט געשען קיין שאדן, האסטו א גרויסן טעות, איך שרעק מיך נישט פונעם צוקונפט, וויבאלד איך בין פארזיכערט אויף מיין טאטע אין הימל אז ער וועט טון מיט מיר נאר דאס וואס איז פאר מירד אס בעסטע. נאר דאס וואס דו האס טמיר געזען אזוי געדרוקט, דאס איז צוליב שרעק אז איך זאל נישט געשטרויכלט ווערן אין דאס וואס דער אויבערשטער האט מיר באפוילן די מצוה פון "ונשמרתם מאד לנפשותיכם", דעריבער טו איך דאס מערסטע השתדלות וואס איז מעגליך, כדי ארויסצוגיין פון געפאר.

און אויב ווילסטו א באווייז דערצו, וועסטו דאס קענען זען מיט דיינע אויגן ווען עס וועט קומען א מצב וואס עס וועט נישט זיין קיין שום אויסוועג פון רעטונג, און עס וועט נישט זיין וואו צו אנטלויפן, דעמאלטס, וועלן דו מיט דיינע פריינט וואס ביז יעצט זענט איר געווען גאנץ רואיג, וועט איר פלוצלונג אריינגיין אין א שרעקליכן לחץ, זעענדיג דעם גרויסן געפאר וואס שטייט אייך פאר די אויגן, נישט זעענדיג קיין שום וועג פון רעטונג, אבער איך, נישט נאר וועט עס נישט האבן אויף מיר קיין שום ווירקונג, נאר איך וועל דעמאלטס אימשטאנד זיין אריינצופאלן אין א טיפן שלאף פונקט ווי איינער וואס שלאפט אויף זיין בעט ביי אים אינדערהיים, וויבאלד איך וועל זיין זיכער אז איך געפין זיך גענצליך אונטערן שוץ פונעם אויבערשטן, אנדעם וואס איך זאל האבן קיין שום זארג און דרוק טאמער איך האב נישט מקיים געווען דעם חלק ההשתדלות, וויבאלד סיי-ווי האב איך נישט קיין שום וועג פון רעטונג, אזוי אז מיר זענען אינגאנצן איבערגעגעבן אין די הענט פונעם אויבערשטן, און עס איז נישטא קיין שום ארט פאר זארג און שרעק.

יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין צו זיין דבוק אינעם אויבערשטן און אין זיין תורה אונזער גאנצער לעבן, אמן.



און געדעדט פאר פינף טויזנט מענטשן!

ווען ער האט געענדיגט זיין וואונדערליכע רעדע, האט שוין נישט אויסגעפעלט נאך א דרשה פון הרב טולידנו, וויבאלד עס איז דארט קיינער נישט געווען פון די אחינו הספרדיים... דער איינציגער מענטש וואס איז געווען אין זאל איז געווען אן אשכנזי, און ער האט דאך שוין באקומען זיין דרשה...

איידער יעדער איז אהיימגעגאנגען, איז דער מענטש צוגעגאנגען צו די רבנים, מיט א הארציגן ברכת יישר כח, און געבעטן צי מען קען אביסל ווארטן, ווייל זיין ווייב געפינט זיך דא אין עזרת נשים, און ער וויל אז אויך זי זאל באקומען א ברכה פון די רבנים.

ביז ער איז איר געגאנגען רופן, האבן זיי אביסל גערעדט צווישן זיך, און דערנאך זענען זיי צוגעגאנגען צו הרב טולידנו, און זיך פארגעשטעלט: מיר זענען א פארפאלק מלחמה-געראטעוועטע, און מיר באקומען יעדן חודש א שיינע סומע פון פארגיטיגונגס געלט פון דייטשלאנד (כידוע אז אין יענע יארן האבן זיי געצאלט ריזיגע געלטער פאר די וואס האבן איבערגעלעבט די לאגערן). ברוך השם, דא אין שטעטל האבן מיר געפינען רו, מיר פארדינען שיין, און מיר קענען זיך גוט אן עצה געבן אויך אן די דייטשע געלטער... לויט ווי מיר פארשטייען, האלט זיך אפ דאס בויען די מקוה צוליב א מאנגל אין געלט, דעריבער ווילן מיר מנדב זיין אלע פארגיטיגונגס געלטער כדי צו בויען די מקוה! און דורכדעם וועלן מיר זען א שטארקע נקמה אין דעם דייטשן רשע מרושע, וועלכער האט געוואלט אויסרייסן דעם אידישן פאלק און זיין תורה!

איז מען געשטאנען און מען האט געמאכט א חשבון פון די אויסגאבן פון בויען די מקוה, און מען האט געזען אז די נדבה פון די פארפאלק וועט דעקן צוויי דריטל פון אלע קאסטן. גאנץ שנעל האבן זיך עטליכע באקאנטע נדיבים צוגעשטעלט צו געבן די איבעריגע געלט, און ביז א קורצע צייט איז שוין געשטאנען די נייע הערליכע מקוה אינעם אויבנדערמאנטן ישוב, וועלכער דינט עד היום די איינוואוינער פונעם ישוב, לטהרתם של ישראל!

[שיחה פרטית כ"ו תמוז תשע"ב]

• § • § •

עס האט מיר דערציילט הגאון רבי אהרן שפירא שליט"א, זון פון מורינו הגאון המפורסם רבי שמואל שפירא זצ"ל, ראש ישיבת באר יעקב, די פאלגנדע מעשה נורא ומיוחד במינו וואס איז פארגעקומען מיט זיין טאטן דעם אויבנדערמאנטן גאון וצדיק, אין ישיבה.

די ישיבה 'באר יעקב' איז באוואוסט אלס איינס פון די אויסגעצייכנטסטע ליטווישע ישיבות. דאס מערהייט פון די בחורים זענען געווען פון ליטווישן אפשטאם, אבער צומאל האט זיך אויך געמאכט עטליכע חסיד'ישע בחורים וואס צוליב געוויסע סיבות ווילן זיי ענדערש לערנען אין ליטווישע ישיבות, כידוע.

איינמאל איז אריינגעקומען אין ישיבה א חסיד'ישער בחור, וועלכער איז געווען וואונדערליך אויסגעצייכנט אין תורה ויראת שמים, וואס הערנדיג פון די געוואלדיגע ישיבה, האט ער געוואלט דארט שטייגן. דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם בחור, וועלכער האט מקדש געווען שם שמים סיי מיט זיין געוואלדיגע לערנען, און סיי מיט זיינע אנדערע הנהגות, מיט מידות טובות און דרך ארץ, און מיט זיין יראת שמים וואס איז אלעמאל געווען קענטיג אויף אים.

דער שטייגער פון דעם בחור, אזוי ווי ער איז נתחנך געווארן ביי זיינע עלטערן, איז געווען אז ער האט מקפיד געווען זיך צו טובל'ען אין מקוה יעדן אינדערפרי פארן דאווענען שחרית! אין יענע צייטן, איז די מקוה געווען פארמאכט אינמיטן וואך, וויבאלד עס האט נאר אויסגעפעלט דארט אום ערב שבת קודש... אבער אונזער בחור האט נישט געקענט אנהייבן זיין טאג אן קיין טבילה זיך צו הייליגן, א זאך וואס איז מוסיף א געוואלדיגע קדושה וטהרה אויפן מענטש!

האט זיך דער בחור מסדר געווען דאס טעגליכע גיין אין מקוה ווי פאלגנד: די ישיבה איז געווען גאנץ ווייט פון די מקוה, און דער בעדער האט געוואוינט נאך ווייטער, אבער ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר האט זיך ארויסגעלאזט יעדן אינדערפרי א ווייטן מרחק ביזן הויז פונעם בעדער, אים צו בעטן דעם שליסל, און איז געגאנגען אין מקוה, וואס איז געווען זייער קאלט אינמיטן וואך, זיך טובל'ען... דערנאך האט ער זיך צוריקגעקערט צום הויז פונעם בעדער, אים צוריקצוגעבן דעם שליסל, און פון דארט איז ער צוריקגעגאנגען צופיס צו די ישיבה.

אט די טעגליכע "שפאציר" האט צוגענומען פונעם בחור אסאך צייט יעדן טאג, און ער פלעגט צוריקקומען צום היכל הישיבה אומגעפער זיבן אזייגער אינדערפרי, נאך נישט קיין גרינגע אקציע... אבער אלעס איז אים ווערד געווען, זוכה צו זיין אינעם געוואלדיגן קדושה וטהרה וואס די טבילת המקוה איז משפיע אויפן מענטש.

אין די ערשטע חדשים פונעם זמן האט ער טאקע מקפיד געווען צו גיין אין מקוה יעדן טאג, אבער ווען עס איז געווארן טיף אינמיטן ווינטער, איז דער עסק געווארן מער און מער קאמפליצירט. דאס שפאצירן אזא לאנגע שטרעקע אין די פרימארגנדיגע ציפעדיגע ווינטער קעלט איז גארנישט גרינג געווען, און דאס טובל'ען זיך אין א קאלטע מקוה איז געווען נאך אסאך שווערער. פון די אנדערע זייט, האט זיך דער בחור אביסל צוגעוואוינט צום שטייגער פון די ליטווישע ישיבה, און ער האט אנגעהויבן טראכטן צו זיך: פארוואס דארף איך זיין אנדערש פון יעדן איינעם? אויפשטיין אזוי פרי פאר אלע בחורים, און זיך ארויסלאזן יעדן אינדערפרי צו אזא קאמפליצירטע אקציע... פארוואס דארף איך אריינלייגן אזא מסירת נפש צוליב א מקוה? ער האט אנגעהויבן גרינגהאלטן די זאך, אין אנהייב איז ער געגאנגען נאר איינמאל אין צוויי טעג, דערנאך נאר מאנטיג און דאנערשטיג, ביז ער האט אינגאנצן אויפגעהערט צו גיין אין מקוה...

ווען דער בעדער, וועלכער איז געווען א חשוב'ער און געטרייער איד, האט זיך באגעגנט מיטן ראש ישיבה, האט ער זיך אפגערעדט וועגן דעם בחור, אז אין אנהייב יאר האט ער מקפיד געווען צו קומען זיך טובל'ען יעדן טאג, בעטנדיג א שליסל צו די מקוה, אבער לעצטנס האט ער אויפגעהערט צו קומען...

נאך אינעם זעלבן טאג האט דער ראש ישיבה, הגה"צ רבי שמואל, גערופן דעם בחור, און אים געפרעגט פארוואס ער האט אויפגעהערט גיין אין מקוה. דער בחור האט זיך פארענטפערט אז דאס איז געווארן צו שווער, און דערביי האט ער אויסגערעכנט אלע שוועריגקייטן וואס זענען פארבינדן דערמיט.

דער ראש ישיבה האט אבער נישט מסכים געווען: א חסיד'ישער בחור וועט קומען ביי מיר אין ישיבה צו קאליע ווערן? חלילה וחס!

ער האט געהייסן פארן בעדער איבערצומאכן א שליסל ספעציעל פארן בחור אויפן חשבון פון די ישיבה, און אויך האט ער אים געהייסן אנווארימען די מקוה יעדן טאג פאר דעם חסיד'ישן בחור, אויפן חשבון פון די ישיבה-קאסע! ווייל דער ראש ישיבה האט גע'טענה'ט אז די ישיבה דארף זארגן פאר יעדן בחור אז ער זאל שטייגן אין זיין חינוך "על פי דרכו" (משלי כב, ו), און אויב איז דער שטייגער פון דעם בחור אנצוהייבן זיין טאג מיט א טבילה אין מקוה פארן דאווענען, וויבאלד ער האט אזוי מקבל געווען און איז נתחנך געווארן אזוי אין זיין קהילה, און ער איז דאך איינער פון די תלמידי הישיבה, מוז די ישיבה מסדר זיין פאר אים א מעגליכקייט זיך צו טובל'ען. איך קען נישט צולאזן א חסיד'ישער בחור קאליע צו ווערן ביי מיר אין ישיבה!!!

דאס איז א דוגמא פון א ראש ישיבה מורם מעם, וואס גייט בדרך אמת! ער וואלט זיך רואיג געקענט אויסלאכן דערפון, אדער, אויפן שענערן אופן, זיך פארהוילן דערפון... אבער ער האט געטון פונקט דאס פארקערטע, ער האט אנגעוויזן דעם בחור ווייטער צו גיין אויפן חסיד'ישן גאנג, און נישט טוישן זיין דרך!!!

[שיחה פרטית כ"ח סיון תשע"ב]

המשך מעמוד הקודם | טיב ההשגחה >

ידיעה אז איינער אראנדזשירט אין די געגענט צו פארקויפן פלייש פאר האלב פרייז, נאך דעם וואס א נדבן צאלט די איבריגע האלב.

זייענדיג א בעל משפחה האב איך זיך געכאפט אויף די מציאה. איך האב באשטעלט א גרויסער קוואנטום פלייש, אז עס זאל זיין גענוג אויף אפאר חדשים.

נאכ'ן באשטעלן האב איך באטראכט די פריזער אין שטוב. איך האב געוואלט זען צי איך האב גענוג פלאץ פאר אזויפיל פלייש, עס איז מיר געווארן שלעכט אין די אויגן. די פריזער איז געווען איבערגעפולט, עס איז נישט געווען קיין פלאץ אריינצולייגן גארנישט און ווער רעדט נאך פון אזא קוואנטום פלייש.

אין נארמאלע צייטן וואלט איך געקענט פרעגן דער שכן צי ער האט פלאץ אבער עס איז דאך ערב יום טוב אויף די וועלט, אלע פריזערס זענען פול.

ווי אזוי געב איך זיך אן עצה?

צומארגענס, ביי די ארבעט, האב איך פאר א ווערטל געפרעגט מיינע חברים צי איינער האט אפשר פאר מיר פלאץ אין פריזער?

"א פאר לעדלעך? איך האב פאר דיר א גאנצער פריזער".

האט געזאגט איינער פון די חברה.

דערביי האט דער איד דערציילט אז זיין באבע האט זיך לעצטענס איינגעהאנדלט א נייע פריזער. מיט די צייט האט זי איינגעזען אז זי דארף א גרעסערע און נישט האבנדיג וואס צו טון מיט די פריערדיגע פריזער האט זי עס געשיקט פאר מיר.

איך האב זיך פארדינט א פריזער אויף חודש תשרי.

# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב

לע"נ מרת הינדל בת

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173